*

# אַמאָל אין אַ יוֹבל

*

זאַמלבוך פאַר בעלעטריסטיק

וואַרשע — 1929

LIBRARY

# א י נ ה א ל ט


| | |
|---|---|
| | זייט |
| קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — ירמיהו (פּאָעמע), קאָמונאַרן־וואַנט . . . . . . . . . . . . . . . . . . | 3 |
| רחל ה. קאָרן — מגפה אין דאָרף (ערציילונג) . . . . | 9 |
| אהרן צייטלין — ויבעצן לידער . . . . . . . . . . | 33 |
| מלך ראַוויטש — פופצן מינוט (נאָוועלע) . . . . . . . | 54 |
| יוסף קירמאַן — לידער . . . . . . . . . . . . | 70 |
| יצחק באַשעוויס — שמאַי ווייץ (ערציילונג) . . . . . . | 80 |
| שמואל זאַראָמב — לידער . . . . . . . . . . . | 104 |
| יהושע פּערלע — באַלעבאַטיש (ערציילונג) . . . . . . . | 106 |


151057

יצחק באַשעוויס

# שמאי ווייץ

I

מיט יאָרן צוריק איז שמאי ווייץ אַראָפּגעקומען ערגעץ פון קליין-יוזעפאָוו מיט זיינע פאָר קעסטלעך צעריבענע שריפט, האָט אין וואַרשע צווישן סטאַווקע און ניזקע געזוכט אַ קעלער-שטוב, ווו אַוועקצושטעלן די צעבראָכענע בעטן מיט דער פאַרצייטישדיקער אַלמער, אַ ירושה פון עלטערזיידן. שמאי איז געווען אַ קליין געשטיפּלט יידל, אַ דאַרער, מיט אַ פעפערדיק טונקל צוגעשוירן בערדל. דער שוואַרצער גאַליציאַנער פאַרפלעקטער קאַפּעליוש, וועלכן ר'האָט געבאָרגט ביי אַ קירהשן קרוב, כּדי אויסצוזען דייטשמעריש, איז געזעסן וווילעריש-קרום אויפן קאָפּ, די בייזע, גרינע אייגלעך האָבן צעטומלטע און מלא רציחה צוגעקוקט, ווי גרויסע, אומגעלומפּערטע טרעגער-יונגען, מיט רויטע, זשאַווערדיקע פּנימער, אין וואַטענע פאַרפעצטע שפּענצערס, האָבן פלינק און מיט צולהכעיסדיקער גבורה געהויבן דאָס ביסל באַגאַזש, מיט די גראָבע פינגער געבראָכן טירלעך פון מעבל, געוואָרפן מיט זיין האָב-און-גוטס — פול מיט דער הפקרות פון שטאָרקע, וואָס נעמען-צו דאָס געלט און פרייען זיך פון יענעמס היזקות. אין טויער איז געשטאַנען דאָס ווייב, שיינדל, אַ ברייטע, אַ צעגאָסענע, אַ נידעריקע, האָט הילפלאָז געהאַלטן, ווי מיט אַ סך הענט, אַ גאַנצע קופּע קליינע קינדער אַרום זיך, זיך נישט געקאנט קיין עצה טון. די שאַל פון קאָפּ איז איר אַראָפּגעפאַלן. פון מורא פאַר גנבות און פון הויפישער, פאַרנאַכטישער טונקלקייט—האָט איר געבלענדט פאַר די אויגן, אין די אויערן האָט גערוישט און געזשוזשעט. די נערוועאישע יידענע האָט בשום-אופן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מענטשן לעבן דאָ, אין אָט דער בהלה, שטאַרק חרטה געהאַט הלמאי זי האָט נישט צוריקגעהאַלטן דעם מאַן אירן מיט אַלע כּוחות ר'זאָל פאַרבלייבן אין דער היים. נאָר שמאי איז פון אַלטע צייטן געווען אַ מענטש, וואָס פאַלט נישט אָפּ, קען טון אַ געשריי און שטעלט



אויף זיך.—אין יוזעפאָוו אַ תקיף אין דער קהלה, אַ גאַנצער כּל-וולך מיט דער פּאָליציי און דער איינציקער בעל-הבית, וואָס האָט געהאַלטן אַ רוסישע צייטונג, — האָט ער זיך אויך דאָ, אין וואַרשע, באַלד געכאַפּט, אַז מ'דאַרף נישט שווייגן, האָט דריבנע און פאַרמעסטעריש אָנגעשפּיגן אין זיינע קליינע פאַררוסטע הענט, פאַרשמירטע פון פאַרב פון אייביקע צייטן; דער כּעס און גרייטקייט צו קריגן זיך און זידלען האָט פייכט און מיט שנאה געזעצט פון יעדער שטיקל באַזונדער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ וואַרפן! — האָט דער ייד זיך צעלאָזט פּלוצלינג און מיט הפקרות, אַ שפּרונג געטון פאָרויס, ווי ער וואָלט זיך פאַרנומען צו אַ געשלעג. — אַז וואַרפן זאָל עס מיט אייך הייזער הויך! שוין רוף איך צו אַ סטראַזשניק!...

דער ייד האָט אַ כאַפּ געטון אַ לייסט, זי אַ הויב געטון פלינק, ווי עמעצן אַראָפּצולאָזן איבערן קאָפּ, צעגעוואַלדעוועט זיך מיט אַזלעכע קולות, אַז באַלד איז דער גאַנצער הויף פול געווען. ווייבער האָבן זיך אָנגענומען פאַר די „פּראָווינצער", געזאָגט מוסר, אַז נישט אַזוי גיך קומט אַן אָרימאַן צו מעבל און אַז אויב ברעכן,—קען מען ברעכן ביי רייכע לייט... ס'איז אפילו אָנגעקומען דער הויכער, לאָמער סטרוזש מיטן בעזעם אין אַהאַנט, אַן אויפגעוועקטער פון שלאָף, מיט רויטע פלעקן אויפן פעטן פּרצוף, ווי אָנגעשמירט מיט פעטס. טרעגער-יונגען האָבן אַ קוק געטון אויף דעם יידל פאַרוווּנדערט און מיט טעמפּער שטוינונג אין די ווייסאַפּלען איבערגעקוקט זיך צי ס'איז נישט כּדאַי אים אַמאָל אָנצוברעכן די ביינער ר'זאָל געדענקען אויף אַלעמאָל. נאָר ביי שמאי ווייץ האָבן זיך שוין אָנגעצונדן די קליינע אויערן, פּונקט ווי ביים טאַטן זיינעם, בעריש ווייץ, וואָס האָט זיך אַרומגעקריגט מיט אַ גאַנצן דאָרף, געהאַט צו טון מיט פריצים, געפּאָרן כּסדר אין געריכטן און סוף-כּל-סוף דערשאָסן געוואָרן פון אַ גמינע-שרייבער פאַר פּאַטשן אים אין מיטן מאַרק... זיין דאַר פּנים איז בלאַס געווען פון צאָרן. האָט דער עלטסטע פון זיי, שמעון בענץ, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, זיך אָנגערופן באַליידיקט און מיט דעם איינגעהאַלטענעם פאַרדראָס פון אַ גבור, וואָס פאַרשווייגט אַן עוולה נאָר דערפאַר, ווייל ער שרעקט זיך פאַר די אייגענע כּוחות.

— שטיל, ר׳ ייד, קאָלט אייך נישט אַזוי!... מיר האָבן שוין געטאַשטשעט עפּעס בעסערס ווי אייערע גראַטעס... זאָל אָט דער קאָפּ אַזוי לעבן!

מ׳האָט זיך תּיכּף אָנגעהויבן באַגיין מיט שמאַין לייטיש, מ׳האָט אפילו געהאָלפן צונויפשטעלן די זאַכן און אַז אַ קליין גנבֿל האָט זיך גענומען דרייען בײַ דער פור און תּמעוואַטע אַרײַנגעשטעקט אַ האַנט, ווי אַרויסצונעמען אַ שטרוי, — האָט אים פֿלוצלינג שמעון בענץ הינטערווײַלעכץ דערלאַנגט אַזאַ פּאַטש, אַז דאָס יונגל האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגאָסן מיט בלוט. שמעון איז אַרײַן אין קוראַזש, מכבד געווען גוטע ברידער מיט שנאַפּס פון אַ גרויסער פלאַש, האָט געשלעפּט פון די סאַמעטענע געשטרײַפּטע הויזן עפּל אויף צוצובײַסן און געזידלט דעם צעקלאַפּטן יאַט, גערעדט צו אים האַרציק און מעשה דערוואַקסענער, וואָס מיינט לטובה:

— ווילסט דוקא לקחנען—אדרבא, ברעך הענט און פיס!... אין די האַליעס פעלט נישט, וואָס צו נעמען... אָבער בײַ אַזאַ מענטש גײַסטער שלעפּן אַ טעפּל, העז און ווו וועט זיין ווייב אָפּקאָכן פאַר די קינדער, אַ?

— שמאַי האָט אַרויסגעשלעפּט פון וועסטל אַ פּאַפּיראָסל, מיט הקפּדה פאַרשטעקט עס אין אַ זייט מויל. שווער געסאַפּעט און געטראַכט אַ פאַרשוויצטער און פאַרווירטער, אַז ס׳איז דאָ אַ יין וועג: נישט צו לאָזן זיך... הויבסטו נאָר אָן ציטערן פאַר דער הויט, וועט מען שוין אויף דיר קריכן פון אַלע זייטן... שמאַי האָט אַלע מאָל אַ ברוגז געטון צום ווייב, געטענהט, זי זאָל נישט אַזוי צוהאַלטן דאָס קליינוואַרג, האָט מיטן דינעם אייזערנעם שטעקעלע אַ צעקאָכטער געגראַבלט צווישן די שטיינער און מיסט. ווי ער וואָלט פון דאָרטן געוואָלט בגנבה אויסגראָבן אַ באַהאַלטענע מטבע. ער איז תּיכּף אַוועק אין שטאָט, שוין באַוויזן צו זיין בײַ עטלעכע היימישע מוכר ספרימניקעס, וועלכע ער קען נאָך פון יוזעפאָוו, אין משך פון עטלעכע שעה געווען בײַ אַ פּאָר טוץ אַרבעט־געבער. אין שטוב אַרײַן איז ער אַרויפגעקומען ערשט שפּעט באַנאַכט. די קינדער זענען שוין געשלאָפן פאַרנוויז, די פּאַציאַסע איז פול געווען מיט שטרוי, בּרעטלעך, כּלים. אין דער קיך האָט געברענט אַ פייער און ס׳האָט געזאָטן אַ טשייניק טיי. ס׳ווייב איז געזעסן אויף אַ נידעריק בענקל, אַז דאָס קלייד איז



געלעגן אויף דער ערד, האָט צעשטרייט און סתּם־אַזוי די גאַנצע צייט געהאַלטן אַ מעשענעם שטויסל בײַ ביידע אויערן, נאָך אַלץ נישט געקענט קומען צו זיך. ס׳האָט זיך איר נאָך אַלץ געדאַכט, אַז מ׳לניפּט אַרום אויפן דאַך, אין דער וואַנט רוישט עפּעס און אַז פון דער גאַס הערן זיך מוראדיקע יללות, וואָס האַלטן זיך אין איין דערנענטערן. שמאַי האָט אויף איר אַ פינטל געטון מביניש מיט איין אויג, רחמנות באַקומען און פונדעסטוועגן גערעדט האַרט און מיט געבייזער:

— האַלט אים פּעסט, בין טאָג! מנע, ביסט שוין איינמאָל אַ טויגערין, ביסטו!...

— אַז כ׳וועל דול — האָט די יידענע אָנגענייגט אַן אויער, ווי אַ טויבע. — כ׳ווייס נישט וואָס ס׳טוט זיך מיט מירן

— העז ווייסט נישט? — דאָס פאַרשטיי איך אַליין אויך... אַזוי ווי מ׳איז אין יוזעפאָוו, אַזוי איז מען אין וואַרשע... בײַ מיר שטעלט מען זיך מאָרגן צו דער אַרבעט!...

שמאַי האָט אויסגעטון דעם קאַפּעליוש און דאָס רעקל, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דאַמאָלס געגעסן אין בלויזן קאָפּ, פון נישט געוווינטקייט—אַלעמאָל אַ קראַץ געטון צווישן די שיטערע דין־געשוירענע האָר, אומגעדרייט זיך פון וואַנט צו וואַנט אין זיינע צו־לאַנגע הויזן און געקייט אַ זעמל. ער איז שוין היינט געווען זוכן זעצערס, האָט איבערגעשמועסט מיט אַ היימישן דרוקער וועגן איבערשמעלצן דאָס רש״י־כּתב אויף היינט־מאָדישע אותיות. איצט האָט ער זיך געשטיקט אינם צו־ענגן פאַפּירענעם קעלנערל און געדרייט אומרויק מיטן האַלז. ווי אַלעמאָל בעת ס׳נעמט אים אָן דער חשק צו געשעפטן און צו מעשים,—האָט אויך איצט שמאַי נישט אויפגעהערט רעדן וועגן זיינע פּלענער כּלומרשט צום ווייב, קוקנדיק בשעת מעשה ערגעץ איבער דעם סופיט, די הענט פעסט צונויפגעבאַלט אין די הויזנקעשענעס. שמאַי האָט זיך געקרימט, געטענהט און אָפּגעענטפערט, געקלאָגט און געדונגען זיך מיט די פּרנסה־געבערס זיינע, די מוכר־ספרימניקעס:

— וועקסלען, וועקסלען!—מיט וועמען זאָלסט נישט רעדן — איז נאָר וועקסלען! אַי דער בעל־מלאכה וויל דיקא מזומנים, און דער

ווירט אויך? נו, גייט עס זיי אָן, ווי דער פאַריעריקער פראָסט!... אַזעלכע מערדערס!...

שמאי האָט אַ האָרך געטון צום קלײנוואַרק, געטראַכט אַן אומצופרידענער, אַז זיי האָבן פונקט אַזעלכע פּוליקעס, פלײשיקע באַקן און אַ נייגונג צו דיקקייט, ווי זייער מאַמע, די שלימממולטע, פאַרריסן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון אויפן קלײנעם שיפן פענסטערל, ווי אַ האָן פאַרן שלאָפן־גיין... שמאי האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל, געקלעטערט גרינג, ווי אַמאָל יונגלווייז אין פרעמדע סעדער, געזען אַ ברייטע, באַלויכטענע שטאָט, פול מיט בלויליכע און געלע לאַמטערן—שייניקע, קיילעכיקע, ווי לבנות. אונטן אויף דער ערד זענען אומגעלאָפן אַ סך קלײנע מענטשעלעך, האָבן געקוויטשעט, געקראָכן צווישן וועגן און אויטאָמאָבילן, אָפּגעשפּרונגען. דער נידעריקער הימל איז געלעגן ליליע־רויטלעך, מאַט־צעפלאַקערט, ווי פון אַ נאָענטער שׂרפה. שמאי האָט איינגעטעמט דעם היימישן, בעקערישן רויך, אָנגעשטעלט די שמיעה צו אַ ווייטן, צעדושאַדזשעטן ריטשען פון אַ גראַמאָפאָן, געוווּנדערט זיך, וואָס קיינעם פאַלט נאָך נישט איין צו שלאָפן און געפרייט זיך, וואָס ער האָט סוף־כל־סוף זיך אָנגעטון אַ כוח און פּטור געוואָרן פון דער וויסטער העק יוזעפאָוו. ר׳האָט גערעדט צום ווייב הינטערווײלעכץ, צום לעצטן מאָל געזידלט יוזעפאָוו מיט אירע בעל־הבתים צוזאַמען.

— אַזעלכע פגרים, הונדערט יאָר קען מען דאָרטן אָפּזיצן און פוילן!...

— אַ מחיהדיק שטעטל, וואַרשע, הערסט צי נײן?... וועסט שוין זען, אַז דאָ וועט אַלץ גיין!...

## II

יאָרן לאַנג האָבן וואַרשעווער דרוקערס מיט שמאין נישט געוואָלט קיין וואָרט רעדן, אים אפילו נישט געענטפערט אויף קיין גוט מאָרגן. מ׳האָט אומעטום געוווּסט דעם סוד, אַז שמאי זעצט פלאַקאַטן פאַר די סאָציאַליסטן, אַרבעט בחצי־חנם פאַר פּראָווינצער מחברים און סתם בטלנים, וואָס צאָלן גראָשנס, נוצט בעל־מלאכות נישט פון פאַריין



און יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק שטעלט ער אַוועק ביים קאַסטן בייע קלײנשטעטלדיקע יידן, יוזעפאָווער זעצערס, אַלטע, איינגעבויגענע, בלינדע פון אייביקן „דזשאָבען“ די פּעטיט־אותיותלעך פאַר ספרים. אויף אַלע פאַרזאַמלונגען האָבן דרוקערס אָפּגעמאַכט מ׳זאָל דאָרטן אַריינפאַלן, צעשיטן דאָס ביסל „טשוועקעס“, אָנשרײבן אַ מסירה, אַז די פּאַציאַטע איז אומריין, די ווענט זענען נאַס און דער סופּיט האַלט ביי איינפאַלן. נאָר שמאי ווייץ האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר די וואַרשעווער בריות, געטענהט, אַז ר׳איז דער זעלבער ווילער־יונג, וואָס זיי, צוגעזאָגט, אַז נישט אַזוי גיך וועט מען פון אים פּטור ווערן... שונאים אויף צופּיקעניש — וועט מען נאָך אויך אין וואַרשע וויסן, אַז שמאי ווייץ איז נישט קיין מלופּים־קינד און נישט קיין אָפּגעשראָקענער... שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שמאי האָט נישט גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין...

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט, וואָס שמאי האָט גענומען דרוקן אויף זיין איינציקן „פעדאַל“ פאַרשידענע טעקסטן פאַר דעם קאָמיסאַריאַט. דרוקערס האָבן געוווּסט, אַז ער טוט עס בחנם, מיט פאַרדרוס צוגעזען ווי ער דרייט זיך אין גאַס מיט ביידע „רעוואָראָוועס“, גייט מיט זיי אין שענק אַריין, רעדט רוסיש, ווי אַן אמתער פּאָניע. שפּעטער־צו איז ער פון דער העלער הויט געוואָרן אַ מחותן מיטן קאָמיסאַר אַליין — אַ קלײנער, אַ דיקער, מיט געלע פאַרדרייטע וואָנסען און רויטע, אויסגעפּאַשעטע בעק, אָנגעשטאָפּטע פון כאַבאַר, וואָס יידן געבן בגנבה אין דער פּעטער, האָריקער האַנט. — פון אַלע צייטן אַ „אַנטיסעמיט“, אַ שונא־ישראל און אַ צולהכעיסניק, — האָט מען אים געזען אומגיין מיט שמאין געאָרעמט און סודן זיך, ווי מיט אַ גוטן ברודער אַן אייגענעם מענטש, מ׳האָט שטילערהייט געוווּסט, אַז שמאי האָט זיך פאַרפלאָנטערט מיט פאַלשע פּעסער, מאַכט היפּש געלט און האָט צו טון מיט די גרעסטע קאַרפּן־קעפּ... דער עולם האָט געשאָקלט די קעפּ מיט מורא, פאַרטרויליך געשמועסט, אַז דער ייד וועט נאָך גיין אויפן שטריקל, געקוקט אויף אים מיט קאַלטן אָפּשיי, ווי אַלעמאָל — אויף הפקר־מענטשן, וואָס לאָזן זיך אויף גליטשיקע וועגן און פאַרדרייען זיך אין עסקים מיט „יענע לייט“... פונקט ווי אַמאָל אין יוזעפאָוו, האָט אויך דאָ, אויף דער ניזקע, שמאי באַ־

קומען אַ שם פאַר אַ חשוב במלכות. יידן האָבן דערציילט: אַז אָט דער שמאי פרעסט טריפות צוזאַמען מיט נאַטשאַלסטווא אין דער גוייִשער שענק, טרינקט מיט זיי „נסך". אַ מלמד האָט געשווירן, אַז ר'האָט געזען פון שמאין וואַרפן אין מיסט אַריין פולע קוישן מיט צעריסענע און פאַרסמאָלעטע שמות... נאָר שמאי האָט זיך אויסגעלאַכט פון אַלע רייד. זינד ר'איז געקומען קיין וואַרשע, האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט דאַווענען, בלויז שבת געקויפט אַ בילעט אין נאָזשיקס שול, כדי צו הערן דעם חזן, דעם לייבן-באַריטאָן... שמאי האָט פאַרשוירן דאָס בערדל, אַז ס'איז בלויז געבליבן אַ שפּיץ. אָנגעטון אַ קורץ רעקל פאַרקנעפּלט אויף איין קנעפּל. ר'האָט חוזק געמאַכט פונם ווייב, וואָס איז געזעסן אין קיך מיט די קינדער, נאָך אַלץ מורא געהאַט צו גיין אין גאַס אַריין מ'זאָל זי נישט איבערפאָרן און יעדן טאָג געקראָכן פרעגן שאלות צום מורה הוראה.

— דו, שיינדל, האַלטסט זיך ביי ס'דייניקע, האַ?... כ'האָב מורא אַז וועסט שוין אַזוי דיינע יאָרן אויסלעבן מיט דיין יוזעפאָוו!...

מ'האָט דאָ ביי שמאין געאַרבעט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. טאָג-טעגלעך האָט מען צוגעקויפט נייע שריפט. די גרויסע אָנגעמושבעטע שטוב איז פול געווען מיט קאַסטנס בליי, מיט פאַרריסענע יידן, און מיט חדר-יונגלעך, וואָס אַרבעטן אויף דער „לער" און באַקומען יעדן פרייטיק צוואַנציק גראָשן... קאָרעטאָרן, מיט הויכע רבינישע פאַרשוויצטע שטערנס און מיט רוישע צוגעשוואָלענע וויעס, האָבן געלייענט שטייענדיקערהייט אין גרויע פאַפּירלעך, געבייזערט זיך, הלמאי מ'מאַכט גרייזן, מיט כעס יעדערמאָל פאַרזעצט די פעדערס אין די אוירן, געקריכערט פאַפּיראָסן און געפירט לאַנגע וויכוחים וועגן ארץ־ישראל און וועגן ביאַליקס שירים. שמאי האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אין זיינע הויכע שטיוועלעך מיט די שמאָלע כאָלעוועס, געווען אין יעדער ווינקל, געטריבן די ליידיקגייערס, קיין איין רגע נישט גערוט: געהאַלטן אין איין שרייען, אַז מ'מאַכט אים בדלות... צוליב די אַלע פוילע ברואים וועט ער סוף־כל־סוף מוזן אָנהויבן צו גיין אויף דער מדינה... ערשט שפּעטער מיט עטלעכע יאָר האָט זיך דער עולם אָזגעקוקט, אַז שמאי איז נישט געשלאָפן, געמאַכט אַן אוצר כּיט געלט. ז'ין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט שמאי אָפּגעקויפט



בחצי־חנם אַ גרויסע מאָדערנע דרוקעריי, מיט צוויי פונק־נייע דרוקמאַשינען, מיט אַ לינאָטיפּ און מיט אַלע זיבן זאַכן. פאַכלייט נגידים אין האַרטע קאַפּעליושן, ס'רוב „געצייכנטע", מיט אָפּגעהאַקטע פינגער ביי דער אַרבעט, האָבן זיך איבערגעקוקט דערשטוינטע, נישט געגלויבט די אייגענע אויגן, ערשט איצט דערשפּירט, אַז אָט דער שמאי איז אַ מוראדיקער שווינדלער און אַ געפערלעכער פאַרשוין... אַ גנב און אַ איינשטעלער, וואָס איז זעלטן צו טרעפן אין די גרעסטע שטעט. שמאי איז געקומען צו גיין אויף אַ פאַרזאַמלונג מעשה אַלטער מיטגליד, געהאַט אַ פול מויל מיט גאָלדענע ציין, גערעדט ברייטלעך, נגידיש, געשריגן הויך, ווי צו זיינע זעצערס:

— אַז מ'שלאָפט דאָ צווישן אייך—פון וואַנען זשע זאָל מען צו עפּעס קומען?—אַז ס'פאַלט פון טאָג צו טאָג!...

דרוקערס האָבן זיך אומגעדרייט ברוגזע אין זייערע לאַנגע אָפּגעטראָגענע מאַנטלען, געריבן די הענט מיט מרה-שחורהדיקן ביטול און עבר-ובטלדיקייט פון מענטשן, וואָס נישט זיי ווילן און נישט זיי קענען אָנהויבן אויף דער עלטער צו גיין אין נייע וועגן, אונטערגעטענצלט פון קעלט, אָפּגעענטפערט זייטיק און מיט פאַרדראָסיקער אָנצוהערעניש, אַז ביי ערלעכער אַרבעט וואַקסט מען נישט... פון ערלעכער אַרבעט איז קוים דאָ „פּאַפּע" אין מויל אַריין... שמאי האָט צופרידן און פון פאַרטראָגנקייט אַרומגעביסן די נעגל ביז בלוט, איינגעטענהט מיט די יונגעלייט, געוויזן מוסטערן אין דייטשע זשורנאַלן, וואָס האָבן געשטעקט ביי אים אין די קעשענעס. שמאי האָט מיט שוואַרצע, איינגעריסטע הענט געגלעט אַ קאַטאַלאָג פון ווייסן־גלאַנציקן קרייד-פּאַפּיר, צוגעשטעלט די אילוסטראַציעס צום ליכט, אַ סמאָטשקע געטון אין פינגער אַריין אַ סימן, אַז דייטשע מלאכה איז ווערט מ'זאָל זי קושן.

— איר הערט? — אַז מ'זאָגט דייטש גנב, זאָלט איר גלויבן!... אַ שיין פּנים האָבן מיר אַקעגן אייראָפּע!... קוואַטש!...

שמאי ווייץ האָט געטון אַלץ, וואָס מעגלעך, צו ווערן לייטיש, געדונגען אַ דירה אין אַ גויישער גאַס, אָנגעקויפט אין „אייזן־הויף" אַ סך ניי־מאָדישע שענק און שפּיגלען, גענומען אויף אויסצוצאָלן אַ

קלאָוויר, צוגענומען אַ גויישע דינסט, וואָס איז יאָרן לאַנג געווען בײַ אַ רייכן שניידער און קען קאָכן אַריסטאָקראַטישע מאכלים, אָנגעזאָגט, מ׳זאָל נישט לאָזן פֿאַר די טיר די קבצנים און שנאָרערס, וואָס רייסן אָפּ די גלאָקן, פֿאַרשמירן די דיוואַנעס, און מ׳איז קיינמאָל נישט זיכער, צי ס׳זענען נישט אַמאָל פֿאַרשטעלטע גנבים און מערדער... די קינדער האָט ער אַוועקגעשיקט אין די גימנאַזיעס, אָנגעזאָגט זהיר וזהיר מ׳זאָל אויפֿהערן רעדן ייִדיש... ניש־קשה, מ׳וועט די תורה נישט פֿאַרגעסן!... שמאי האָט זיך איצט אַרומגעדרייט אין דער גרויסער דרוקערײַ, צבֿטונג געטון, דער מאַשין־זעצער זאָל נישט באַלאַמוטשען, טאָג־טעגלעך זיך געקריגט מיט דעם לאַנגן גוי, דעם מאַשיניסט זאַמבאַק, וואָס שמאי האָט אַראָפּגענומען פֿון יוזעפֿאָוו. אַמאָל איינער פֿון די בעסטע בעל־מלאכהס אין פּוילן, אַ גוטער פֿאַרדינער,—האָט ער די לעצטע יאָרן געהאַלטן אין איין שיכּורן, אומעטום פֿאַרשטעקט ליידיקע פֿלעשער, נישט געקאָנט אין וואַרשע קיינעם אַחוץ שמאין און געשלאָפֿן אין דרוקערײַ. דער גוי פֿלעגט אַרבעטן גאַנצע נעכט, טון פֿאַר צען. שמאי פֿלעגט צוליבֿ אים האַלטן אין איין צוריקדרייען דעם זייגער, נישט אויפֿגעהערט אים דראָען, אַז ער וועט אים אַרויסוואַרפֿן, געטעהנהט, אַז ער וועט אים מסרן, הלמאי ס׳קומען צו אים די שיקסעס פֿון הויף.—ווי אַלעמאָל, ווען דער גוי האָט זיך אָנגעטרונקען, פֿלעגט שמאי גראָד דאַמאָלס זיך נעמען מיט אים רעכענען...

— פּאַניע זאָמבאַק, מיר רעכענען זיך אָפּ, גיכער! שפּעטער וועל איך נישט האָבן קיין צייט!...

דער גוי פֿלעגט זיך קוים האַלטן אויף די פֿיס, געוואַקלט זיך בעתן גיין, ווי ער זאָל טרעטן אויף אַ שטריק. זיינע גרויסע, ברייטע פֿאַרשמירטע הענט שטאַרן־אַרויס פֿון די צו־קורצע אַרבל בלוי־אָנגעלאָפֿענע, מיט אַרויסגעזעצטע אָדערן, און זיי הענגען נאָך. דאָס פּנים איז רויט, שווייסיק, ווי נאָך אַ טיפֿן, אויסמאַטערנדיקן שלאָף. די גלעזערן־פֿאַרלאָפֿענע אויגן קוקן מבוהלדיק, פֿאַרווירט, פֿול מיט דעם איינגעגעסענעם כּעס און רציחה פֿון אַלטע שכּורים יורדים, וואָס ווייסן, אַז זיי מאַכן אַ תּל פֿון זיך און אַנדערע, פֿאַלן פֿון טאָג צו טאָג אַלץ ידעריקער, און דער סוף איז, אַז זיי ענדיקן אין תּפֿיסה. ווערן



פֿאַרפֿוילט. שמאי זיצט ביים גרויסן בוך, שרייבט אינדערגיך, מעקט, קלאַפּט־צו מיט די אָפּצאַסן אין דיל און לייעוט־אַרויס דעם חשבון פֿון די אַרבעט־שעהן כּלומרשט נאַכלעסיק און בשעת־מעשה פֿאַרטראַכט אין אַנדערע, וויכטיקערע געשעפֿטן...

— מאָנטיק פֿון 11 ביז 4, צוזאַמען דריי שעה...

— דינסטיק פֿון 12 ביז 6, צוזאַמען פֿינף שעה...

דער גוי ווישט די אַנגסטן פֿון שטערן מיט אַ שטיק פּאַפּיר, האַלט כּסדר אין איין פֿינטלען מיט די רויטע, נישט אויסגעשלאָפֿענע וויעס־צעמישט פֿון יענעמס ציפֿערן. ער געדענקט בחוש, אַז ר׳איז יענע וואָך נישט געשטאַנען קיין רגע ליידיק, איז זיכער, אַז דער פֿאַרשאָלטענער ייִד באַגנבעט אים פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, נאָר אין זאַמדיקן, שטייענדיקן מוח איז ענג און הייס, דער געדאַנק אַרבעט נישט, די צונג אין מויל איז האַרט, טרוקן, אַמאָל אַ גאַנצער פּריץ און אַ רעכנמייסטער,—שעמט ער זיך צו ווייזן, אַז ס׳קומט אים אָן שווער צו מאַכן אַ חשבון, הוסט־צו מיט אַ שווערן, בייזן ברום—אַ סימן, אַז ר׳איז מסכּים... בשעת־מעשה שאָקלט ער צו דעם קאָפּ מיט אַ מין אָנגעצונדענער רוגזה, ווי איינער זאָגט: כ׳ווייס, ייִד, אַז דו נאַרסט!... באַרויבסט מיך און כ׳וועל זיך אַמאָל אין דיר נוקם זיין!... נאָר שמאי גראַבלט שוין אין דער קעשענע פֿון זיינע גאַליפֿע־הויזן, דערלאַנגט דעם גוי אַ פּאָר מטבעות אויף אַן „אַוואַנס“ און כאַפּט אינדערגיך דאָס רערל פֿון טעלעפֿאָן, קלאַפּט אומגעדולדיק אויף די שטאָלערנע גאָפּעלעך, שילט די טעלעפֿאָניסטין און פֿון גרויס כּעס איז ער זיך עטלעכע מאָל טועה... שמאי רעדט מיט דער דינסט, פֿרעגט זיך, צי ס׳איז דאָ מיטאָג.

— אָ? גולאַזש, זאָגסטו, העו? — נו גוט... זאָל זיין אַזוי... טאָ וואָס טוט די פּאַני? — אָ? זי שלאָפֿט?! — נאַדיר אַזאַ צרה! אין סאַמע מיטן טאָג כאַמערט דאָס גאָר!...

שמאי גייט תּמיד אַהיים צוליבֿ איר מיט אַ שווער האַרץ, מיידט דורך איר אויס די שטובֿ. אין אָנהויבֿ האָט שמאי געפּרוווט איינטענהן, זי זאָל אַראָפּוואַרפֿן דאָס שייטל, געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אין וואָס פֿאַר אַ שול מ׳קומט, אַזאַ קדושה שפּרינגט מען, און אַז דאָ אין וואַרשע איז נישטאָ קיין אָרט אויף קיין יוזעפֿאָווער נאַרישקייטן...

נאָר די יידענע האָט זיך פֿאַרעקשנט, קריכט אַרום איבער די שטיבן אין איר אויסגעקראָכן פֿאַרוקל—פֿאַררוקט איבער די געשווירענע, טרעפֿיקע האָר, ווי בײַ אַ שעפּס, ציטערט־אויף יעדעס מאָל ווען מ׳קלינגט אין דער טיר, קרענקט־אָפּ גאַנצע וואָכן, ליגט אין בעט און רעדט נישט אויס קיין וואָרט מיט די קינדער... צוליב איר לאַכט מען פֿון שמאַין אין הויף, מ׳קען נישט אַרײַנבעטן אַ גאַסט, אָדער אַ שכן. ווי נאָר מ׳לאָזט גיין דעם גראַמאָפֿאָן — פֿאַרדרייט זיך איר דער קאָפּ, אַנטלויפֿט אין שלאָף־צימער, פֿאַרבינדט זיך דעם שטערן מיט אַ האַנטוך, זיצט אָפּ שעהן איינע אַליין אויפֿן ראַנד פֿון בעט, ווי אַ מטורפֿדיקע, און וויינט... דאָקטוירים זאָגן, אַז אירע נערוון זענען איבערגעבערענט און אַז מ׳דאַרף זי אַרײַנגעבן אין אַ סאַנאַטאָריע... ס׳וואָלט געמוזט אָפּקאָסטן קורחס אוצרות... באַנאַכט דרייט זיך שמאַי אַרום אין שטאָט, קומט צוויי מאָל אין דער וואָך אויף זיצונגען פֿון פֿאַראיין, חברט זיך מיט יונגע דרוקערס און גייט מיט זיי כאַפּן אַ קערטל ביז איינס אַ זייגער... שמאַי פּאַפּעט פֿון פֿאַרגעסונג אַ פּאַפּיראָס אין ווינקל פֿון די ליפּן, שפּילט ברייט, איינשטעלעריש, צאָלט פּינקטלעך. ער קוקט מיט ישוב־הדעת אין זיינע פֿאַרשמאָלצעוועטע טעוועלעך, ווינקט־צו צו זיינע פֿיגורן מעשה אַלטער באַקאַנטער און חכמהט זיך מיט געמאַכטער צערייצטקייט און קנאה, כּדי איינצורעדן דעם געגנער, אַז ער האַלט שלעכט.

— איר האָט שוין דאָרטן אַ מלך, האַ?—פֿאַרפֿאַלן, כ׳וועל דוכט זיך גיין שלאָפֿן—מיט בײדע מלכות!...

IV

אין איינעם אַ ווינטער האָט שמאַיס ווײַב אָנגעכאַפּט אַ ווייטיק אין „קושיש”, האָט באַקומען אָנגעדראָלענע פֿיס און אויף איינמאָל פֿאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן. די ערשטע צייט האָט די יידענע קיינעם גאָרנישט דערציילט. זי איז געזעסן אין טונקעלן אַלקיר, ווו ס׳שטייען די בעטן, געשטריקט פֿאַר שמאַין אַ לייבל אויפֿן ווינטער, טעג און נעכט געלייענט דעם „נחלת צבי” אויף עברי־טייטש און געזאָגט תהלים. פֿון דער דינסטס געקעכטסן האָט זי סיי־ווי־סיי קיינמאָל



נישט פֿאַרזוכט, געהאַלטן, אַז די קיך איז טרפֿה. געזונטערהייט האָט זי אַליין זיך אָפּגעקאָכט אַ גלאָז טיי אויף דער גאַז־מאַשינקע, געהאַט אייגענע צוויי טעפּלעך, אַ טעלער און אַ מעסער. איצט איז אויף איינמאָל איר געפּעס געבליבן שטיין פֿאַרשלאָסן אין קרעדענס און די גוייה האָט אויפֿגעהערט האָבן טענות, אַז די בעל־הביתטע מאַכט איר אָן אַ מושב מיט אירע „קאָשערנע” שאַרבנס... די מיידלעך זענען געגאַנגען אין שול, גאַנצע אָוונטן געלערנט אויף אויסנווייניק לעקציעס, געהאַט אַלעמאָל בײַ זיך פֿרעמדע שילערינס, פֿאַרשלאָסן די טיר פֿון מורא, די מאַמע זאָל נישט אַרײַנקומען. שימעק, דער עלטסטער זון, אַ בחורל פֿון אַ יאָר פֿופֿצן—אַ הויכער, אַ פֿלינקער, אין אַ היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק און אין קורצע הייזלעך מיט שטיקער לידקעס אינדרויסן—איז קיינמאָל נישט געווען אין שטוב, פֿלעגט אַהיימקומען שפּעטער ווי דער פֿאָטער. די מאַמע איז דערווייל געוואָרן געשוואָלענער פֿון טאָג צו טאָג, איר הויט איז געוואָרן גלאַנציק, ווי אָנגעשמירט מיט בוימל, די אויגן—קליין, פֿאַרגאָסן, ווייסלעך, חלשותדיק און מוטנע, פֿול מיט דער שטוינענדיקער פֿרעמדקייט און מאָוימדיקער צעשמייכלטקייט, ווי די פֿאַרענדערונג, וואָס קומט פֿון אַ צאָן־געשוויר... אין איינעם אַ טאָג איז שמאַי אַ דערשטוינטער געוואָר־געוואָרן, אַז זיין ווייב ליגט אין בעט, האָט קראַנקע נירן און אַז דער דאָקטאָר, וואָס איז דאָ געווען נעכטן, האָט שטאַרק זיך געקרומט און איבערגעשראָקן... שמאַי איז פֿון דעם אַלעמען אַזוי נשתּומם געוואָרן, אַז ער האָט אַ שפּיי געטון ווייט פֿאַר זיך, אַ טופּע געטון מיטן פֿוס און אַזש אַ ציטער געטון.

— צו מיינע שונאימס קעפּ! אַז דאָס מענטש שווייגט, ווי אַ האָלץ,—גיי ווייס וואָס איר איז! פֿוי!...

שמאַי האָט תּיכּף אַראָפּגעשיקט אין אַפּטייק אַרײַן נאָך דער רעצעפּט, אָנגעזאָגט דער דינסט, זי זאָל שטאַרק אַכטונג טון אויף דער בעל־הביתטע, געטענהט אַ צערודערטער, אַז די יידענע איז אין אַלעמען שולדיק... אַלץ קומט אַרויס פֿון איר קליינשטעטלדיקייט און פֿרומקייט... די ערשטע טעג האָט ער אפֿילו אָנגעהויבן אַהיימקומען פֿריער באַנאַכט, כּדי נישט אויפֿצוּוועקן דעם קראַנקן, שטאַרק גע־מוסרט די קינדער, הלמאַי זיי גיבן זיך אָפּ מיט נאַרישקייטן און

פאַרגעסן אין דער מאַמען... אָבער אַז ס איז אַוועק אַ צייט און די יידענע איז געוואָרן אַלץ מער אויס־מענטש, — האָם שמאין אָנגעהויבן נמאס צו ווערן איר שטענדיק קרעכצן, אויפגעהערט צו פאַרטראָגן דעם ריח פון געקאָכטע מילך און דאָס שטענדיקע מורמלען אָפגעהאַקטע ווערטער, דראָבנע־אַרויסגעוואָרפענע, מרוקעוואַטע און אומפאַרשטענדלעכע, ווי אַ מענטש, וואָס באַלאַמוטשעט פון היץ... שמאי האָט געהייסן איבערטראָגן זיין בעט אין גאַבינעט אַריין, אויף איינמאָל זיך מייאש געווען אי אין אַלע רפואות, אי אין ווייב. וויפל מאָל אַ היימישער מענטש האָט זיך געפרעגט וועגן איר—האָט שמאי אָפּגעזיפצט, אָנגעשפיגן אין ביידע האַנטפלאַכן און געטענהט:

— וואָס זאָל זיך הערן?—ס׳איז שמאָל און פאַרטיק! כ׳האָב מורא, אַז פון דעם טייג וועט נישט זיין קיין ברויט...

שמאי איז געווען מער ווי אַלעמאָל פאַרנומען אין זיינע געשעפטן, כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט אַריינצוקומען צו איר, מער נישט געלאָזט רופן קיין דאָקטוירים — געטענהט, אַז די ליידיקגייערס נעמען בלויז צו די פּאָר גראָשן און מאַכן נאָך ערגער... אין דרוקעריי איז די אַרבעט געגאַנגען אָן אויפהער. שמאי האָט אָנגענומען צו דרוקן קאַלענדאַרן ביי עטלעכע פירמעס, פאַרטיק־געמאַכט הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן, אויף־געווען גאַנצע נעכט. אין ברייטן שטייגערנעם הויף—פול מיט פאַבריקלעך און שאַפּעס, באַשטעלט מיט קאַסטנס און פעסער — האָבן געהאַלטן אין איין אַריינפאָרן ברייטע פלאַטפאָרמעס מיט פּאַפּיר. גרויסע, העלדישע טרעגער־יונגען האָבן מיט די לעצטע כוחות געשלעפט צען־פודיקע באַלן אויף די איינגעבויגענע פּלייצעס, געמאַכט געוואַלדן, אליין זיך געשראָקן נישט צו פאַלן און צעריבן צו ווערן אונטער די אויסטערלישע משאות. די פאָדלאָגע האָט יעדעס מאָל אָפּגעהילכט טויב פון שווערן וואָרף, ווי אַ דונער, די שויבן האָבן געציטערט. אַ גאַנצן טאָג האָט גערודערט די שניידמאַשין, מאַשיניסטן און לייגערס האָבן געאַרבעט דעם גאַנצן מעתלעת. ס׳האָבן דאָ תמיד אַרומגעטשאַפּעט בכבודיקע בוכהענדלער, געניטע סוחרים, כסדר געהאַט תרעומות, אַז די בויגנס לייגן זיך נישט צונויף גלייך, געצייכנט מיט גרויסע, ברייטע בלייפעדערס, ווי סטאָליאַרעס. שמאי האָט היי־יאָר געמאַכט אַ קאָנקורענץ אַלע וואַרשעווער



דרוקער, אַליין מורא געהאַט נישט אַריינצופאַלן אין אַ צרה און צו פאַרלירן דאָס פאַרמעגן. פון גרויס צערודערטקייט האָט ער אָן אויפהער געמאַכט געוואַלדן, איבערגעשריגן דאָס קלאַפּן און רוישן פון רעדער, געדונגען זיך וועגן טערמינען פון וועקסלען, געבעטן זיך ווי ביי אַ גזלן, מ׳זאָל אים כאָטש דעקן אַ קליינע טייל מזומנים. ווי אויף צו להכעיס—איז דאָס מאָל געווען אַ מאַסע זייטיקע באַשטעלונגען. ביי אַלע קאַסטנס האָבן געברענט עלעקטרישע לעמפּלעך, זעצערס אין בלויע פאַרטוכער האָבן צונויפגעלייגט טאַבעלעס, געאַרבעט איבערשעהן. שמאי האָט אומעטום געמוזט אַכטונג געבן, געוווסט פון ערפאַרונג, אַז מ׳קען זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן, געדענקט, אַז אַ בעל־הבית מוז האָבן טויזנט אויגן: צום וויפלסטן מאָל דערציילט ער זיינע קליענטן די מעשה, ווי מ׳האָט אַמאָל אָן אים אָפּגעדרוקט אַ ליטעראַרישע צייטונג און אינדערמיט האָבן די איינבינדערס אַריינגעלייגט אַ קווינטא פון אַ מאָדע־זשורנאַל...—דערפאַר, אַז שמאי האָט אין איינעם אַזאַ פאַרנאַכט באַקומען אַ אייליקן טעלעפאָן, אַז מיטן ווייב האַלט עס שלעכט און ער מוז תיכף אַהיימקומען,—איז דער ייִד דערפון אַריינגעפאַלן אין אַזאַ צאָרן, אַז ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס רערל און אַ קנאַק געטון אין טיש מיטן גאַנצן כוח, אַז דאָס טינטאָרן האָט זיך איבערגעקערט און אַ קנאַל געטון אויף דער ערד. שמאי האָט, צעטומלט פון דער בשורה רעה, אַ בלאָנדזשע געטון איבערן גרויסן שמוציקן, אָנגעפּאַקטן זאַל, צעפּינטלט זיך פון אויפרעגונג, און דאָס דאַרע, וועלפישע פנים איז בלויז געוואָרן פון רציחה: דער געשריי זיינער איז פול געווען מיט דער פאַרצווייפלונג פון עמעצן, וואָס דערזעט מיט איינמאָל, אַז אַלע כוחות האָבן זיך אויף אים אָנגעלייגט, און קיין שום מי וועט מער נישט פועלן:

— מענטשן — מ׳ל אָ ז ט נישט אַרבעטן! — ג יי ן און ג יי ן!...

שמאי האָט פאַרגעסן אָנצוטון דעם מאַנטל, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: אַלץ איז קאַפּוט! — געכאַפּט אַ טאַקסיס און—אינגאַנצן אַ צעקאָכטער—געהייסן דעם שאָפער טרייבן דעם אויטאָ וואָס־גיכער, צוגעזאָגט צו באַצאָלן טאָפּלט... דער שאָפער—אַ ברייטער יונג אין אַ לעדערנער, גלאַנציקער מאַרינאַרקע, ווי אויסגעשמירט מיט טראָן, און מיט אַ רויט־פאַררויכערט פנים—האָט מיטן גאַנצן כוח אַ

קוועטש געטון ביי דעם גומענעם טראָמפּייט, אַ ריטשע געטון, אַז אין דער שמאָלער גאַס איז תּיכּף געוואָרן אַ בהלה. שמאַי האָט נישט געווּסט, וואָס ס'טוט זיך מיט אים, געהויבן זיך און געטרייסלט אַראָפּ און אַרויף, געהאַט פאַרפרישעטע אויגן פון שטויב, געשפּירט, אַז אַלע אברים פרירן ביי אים פון נאַסער, דורכנעמענדיקער קעלט, פון גרויס אימפּעט געשאָקלט מיטן קאָפּ אינדערבּרייט, ווי מ'וואָלט אים געיאָגט פון אַלע זייטן... אין שטוב זענען די טירן געווען צעעפנט, ס'זענען דאָרטן געשטאַנען ווייבער און קינדער, נייגיריק געגלאָצט אינעווייניק אַריין, געסודעט זיך. שמאַי האָט געשפּרייזט צו דריי טרעפּ מיט איין מאָל, געווישט די אַנגסטן פון שטערן מיט אַן אַרבל. דער ייד איז געווען אַזוי דענערווירט, אַז ר'האָט פאַרגעסן, ווו ר'איז אין דער וועלט, אַ קריץ געטון מיט די ציין:

— וואָס איז דאָס, וואָס! סאַראַ באַלאַגאַן, צו אַלדי טייוולאָנים, העי!..

שמאַי האָט מיטן גאַנצן כּוח פאַרקלאַפּט די טיר, פון גרויס רוגזה—צוויי מאָל פאַרשלאָסן אויפן ריגל. אין שלאָף־צימער איז שוין דאָס ווייב געלעגן אַ גוססדיקע. ס'האָט דאָ אַרומגעבאַלעבאַטעוועט אַ יונגע שכנטע מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, ווי אַ „שוועסטער", ס'האָט געשמעקט שאַרף און איבלדיק. צוויי דאָקטוירים זענען געשטאַנען מיט פאַרשאַרצטע אַרבל איבער די האָריקע הענט און פויל צוגעגרייט אַן איינשפּריצונג, געסודעט זיך מיט די שכנות. די מיידלעך זענען נישט דאָ געווען, דאָס בחורל שימעק — דער גימנאַזיסט — איז געשטאַנען ביים אויוון מיט פאַרבראָכענע הענט, מיט אויסגעשפּיצטע אויערן. דאָס מויל איז ביי אים געווען אָפן, פאַרחידושט, דאָס פּנים, —פאַרריסט, ווי פון אָפּגעווישטע טרערן. שמאַי איז צוגעגאַנגען צום בעט, זייטיק אַ קוק געטון צום ווייב, פאַרגעסן אויסצוטון דעם קאַפּעליוש. פון לאַנגן נישט שלאָפן איז ער געווען אַזוי צעטראָגן און צעמישט, אַז ר'האָט נישט געקאָנט אויסרעדן קיין וואָרט: אומגעקוקט זיך, ווי ער זאָל נישט דערקענען זיין אייגענע שטוב, און געמאַכט מיטן מויל, ווי אַ שטומער. דער יונגערער דאָקטאָר—אַ הויכער. אַ דאַרער, מיט אַ שטרענג גרינלעך פּנים, ווי ס'האָבן נאָר מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום מסוכן־קראַנקע,—האָט אָנגעשטעלט אויף שמאַין זיינע שטאָלערן־קאַלטע קליינע אויגן, שוין, אַפּנים, געוווּסט דאָס אַלץ,



זוען וועלכן מ'האַלט אין איין שעפּטשען אין די אויערן אַריין אויפן הויף, אָנגערופן זיך געלאַסן און פון אויבן אַראָפּ, פול מיט שניידנדיקער פאַראַכטונג:

— גיי צו, פאַן, צום ווייב... ס'וועט נישט קאָסטן קיין געלד...

שמאַי איז געווען בלאַס, געפינטלט מיט די אויגן, איבערגעבויגן זיך צום ווייב, געזען זי ליגן אַן אָנגעבלאָזענע, אַ ווייסע, מיט אַן אָפן מויל און צוגעשלאָסענע אויגן, זי נישט דערקענט. שמאַי האָט געוואָלט פרעגן, וואָס ס'איז איר, געפילט, ווי ס'רייסט זיך אים עפּעס אָפּ אינעווייניק, אָן אַ פאַרוואָס געווען צעצינדן פון כּעס און בושה, עפּעס אַ זאָג געטון אָפּגעהאַקט און באַלד פאַרשוויגן געוואָרן. דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, מיט געניטשאַפט אָנגעצונדן דאָס ברען־מאַשינקעלע, פאַרקוועטשט איין אויגל צום צווייטן דאָקטאָר, ווי איינער זאָגט:

—שוין איינמאָל אַ פאַרשוין...

אַלץ איז געווען געענדיקט. די יידענע איז געשטאָרבן סך־הכּל מיט איין שעה שפּעטער. שמאַי האָט נישט געקענט פאַרלירן קיין איין רגע, פאַר יעדן פּרייז געמוזט זען, אַז די לוויה זאָל זיין מאָרגן אינדערפרי. אין שלאָף־צימער איז דער מת שוין געלעגן אויף דער ערד; פון שרעק האָבן די קינדער אויפגעדרייט אַלע דריי עלעקטרישע לאָמפּן, אַ שכנטע האָט געבראַכט ליכט, אָנגעצונדן; דאָס פענסטער איז געווען אָפן און ס'האָט אַריינגעבלאָזן אַ ווינט. די שיין איז געווען אַ געלע, אַ מיטנאַכטישע. אין גאַבינעט איז שמאַי געשטאַנען אַ פאַרווייגטער ביים טעלעפאָן, געשמועסט מיט אַ „מאַכער" ביי לוויות.

— ר' ישעיה, קוועטשט מיך נישט צו צו דער וואַנט! — האָט שמאַי אַריינגעשריגן אין טרייבל. — ס'וועט נישט גיין אין קיין געלד, ר' ישעיה!... איר זאָלט אַזוי לעבן מיט מיר, ווי כ'בין איצט נישט ווערט קיין איין גראָשן!...

שמאַי האָט דיקא געוואָלט האָבן אַ לייטישע קרקע, אַוועקגעלאָפן צו אַ היימישן פּרנס אין דער קהלה, באַשטעלט אין חסד של אמת אַ „שומר", וואָס זאָל היטן אַ גאַנצע נאַכט, אָפּגעשמועסט מיט צוויי הויכע, רויטבערדיקע יידן, אַז מ'זאָל מאַכן די טהרה באַלד

אינדערפרי ביי אים אינדערהיים, כדי מ׳זאָל שפּעטער נישט דאַרפן באַלאַמוטשען אויפן בית־עולם, אַוועק אין רעדאַקציע אַריין און באַשטעלט אַ נעקראָלאָג אויף פּויליש. שמאַי איז געלאָפן אונטערן רעגן, געגליטשט זיך, נישט געפילט, ווי ער פאַלט אַלעמאָל אַריין מיט אַ פוס אין אַ קאַלוזשע וואַסער. שיער נישט איבערגעפאָרן געוואָרן. ער־גיץ אין אַ זייטיקער גאַס איז ער אַריין אין אַ שענק. אין טונקעלן גאַז־ליכט איז געשטאַנען אַ נעפּל און אַ פאַרע. עמעץ האָט געשפּילט אויף אַ צעבראָכענעם פאָרטעפּיאַן, גויים האָבן געזונגען. עטלעכע מיליטער־לייט זענען געזעסן ביי גרויסע קופלעס ביר, אָנגערויטלטע, מיט פייערלעך־צעבלישטשעטע אויגן—אַלע אויף איינמאָל איינגעטענהט מיט אַ דיקער, שוואַרצער פאַרשוינטע אין אַ קורץ קלייד פאַררוקט ביז צו די קניען, אַז מ׳האָט אַרויסגעזען די נישט־זויבערע, באַשפּיצלטע האַלקע. שמאַי איז אַוועק אין אַ ווינקל צום טעלעפאָן, אומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן צי ס׳איז דאָ נישט פאַראַן קיין היימישער, געקלונגען צו זיך אין דרוקעריי, קוים איינגערוימט דער שיקסע דעם נומער...

— 566־32 ? דרוקעריי ? — רוף צו זאמבעקן... גיכער !... מ׳פאָרט כסדר, אַ ? אויסגעצייכנט ! גיט אַכטונג, אַז ס׳זאָל נישט שמירן !...

## IV

עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי שמאַיס ווייב איז געשטאָרבן, האָבן מענטשן אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אַז שמאַי האָט אָפּגעלאָזט די געשעפטן, פּוצט זיך, ווי אַ יונג פאַצעטל, און גייט אַרום מיט אַ מויד. אין דרוקעריי אַריין איז ער געקומען זעלטענער, צוגענומען אַ געוועזענעם פאַכמאַן אַ יורד פאַר אַ פאַרוואַלטער. גענומען טראָגן ווייסע גבירישע קעלנער און מאַנקעטן, אַריינגעשטעקט אַ דימאַנטענע בראָשקע אין זיידענעם רויט־בלוי־ווייסן קראַוואַט, אָפּגעגאָלט די רעשט באָרד און אויף איינמאָל יונגער געוואָרן מיט צוואָנציק יאָר. ווייבער אין הויף האָבן אויף אים געשאָקלט מיט די קעפּ, געטענהט, אַז איידער צו האָבן אַזעלכן פאַר אַ מאַן, איז גלייכער אויסגערינען צו ווערן אין דער מאַמעס בויך... שמאַי האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ הויכער



פאַרשוינטע, זייער אַ דיקע, אַן אָפּגעפּודערטע, אין אַ ברייטן הוט מיט בלישטשענדיקע שפּילקעס, און אַרום די אַקסלען — אַ גרויסן ברייטן פוטערנעם קאָלנער מיט אַ בייז שאַרף־ציינ̇יק חיהלע פון סאַמע פאָרנט, ווי אַ געגעצנדיקער הונט... געניטע יונגעלייט האָבן איר נאָכגעקוקט מיט בלינצלענדיקע אויגן, געכיכעט, דערציילט וואוילעריש אין די אויערן, אַז זי פלעגט זיך מיט עטלעכע חדשים צוריק אַרומדרייען אויף מאַרשאַלקאָווסקע מיט אָפיצירן, געשוואוירן, אַז זיי אַליין האָבן געהאַט מיט איר עסקים... דרוקערס האָבן געשמייכלט, זיכער געווען, אַז שמאַי וועט ביי איר מיאוס אָפּשניידן, פונדעסטוועגן מקנא געווען דעם פּראָווינצער עזות־פנים, וואָס פאָרט אַרום איבער וואַרשע אין „גומקעס״ און באַלעבאַטעוועט, ווי ביי זיך אין יוזעפאָוו. די מערהיימישע האָבן אים געקלאַפּט אין די פּלייצע, געחכמהט זיך מיט חוזק און נישט־פאַרגינערישקייט צוזאַמען:

— איר האָט, שמאַי, באַקומען דאָס אמתע פייגעלע... ווען־זשע וועט מען אייך קאָנען גראַטולירן, העי ? — זעט, וואָס פריער... אַז נישט קאָן מען זי נאָך אויסכאַפּן...

עלטערע דרוקערס, נגידים, האָבן אים אָוועקגערופן אויף סודות, אויסגעפרעגט דעם טעם פון אַ לייטישער עבירה, לאַנג דערנאָך געהוסט אין די פאַטשיילעס און פאַרקייכט זיך. פון שמאַיס תשובות איז אָנגעלאָפן דאָס בלוט אין די פנימער, ס׳האָט געשטיקט צום לאַכן, און די מוטנע אויגן האָבן גענומען גלאַנצן אי מיט ליצנות און אי מיט פאַרלעגנהייט... אין גאַס איז מען שוין זיכער געווען, אַז שמאַי וועט דורך דער נקבה „אַראָפּ פון פערדל״. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך פונקט פאַרקערט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט, וואָס שמאַי האָט לעצטנס גענומען ווערן אַן אָפּטער איינגייער ביי דער „ווייסמאַנאָווע״ — אַן עלטערע אלמנה פון אַ יאָר עטלעכע־און־פופציק, אַן אייגנטימערין פון אַ געשעפט מיט בוכהאַלטערישע ביכער. דער געשטאָרבענער מאַן אירער, נטע ווייסמאַן, איז געווען אַ געוועזענער רעסטאָראַטאָר, האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין די מסחרים, געלעבט פון ווייבס פאַרדינסטן און אַליין אַ גאַנץ לעבן געטרונקען ביר — אַזוי לאַנג געזויפט, ביז ער האָט באַקומען די אַפּאָפּלעקסיע. ער איז געווען יונגער פון ווייב מיט

פופצן יאָר, געהאַט אַ שם פאַר אַ גבור, געבראָכן מיט די הענט קו-
פערנע מטבעות. — תמיד אין אַ געלן סאַמעטענעם אַנצוג, אין אַ היטל
מיט אַ לעדערנעם דאַשיק און מיט אַ קייט פון גאָלדענע פינפער־רובּ־
לעס אויפן בויך, — האָט ער די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט
געלעבט מיט דער יידענע, געפּאָרעט זיך אין חברות, געווען אַ נאָענ-
טער מחותן מיט „חסד של אמת" און חברה קדישא, גבאי ראשון אין
„לבושי-כּלה", אַ גרויסער חשוב אין די שפּיטעלער און אַן איינגייער
אין אַלע „צירקלען". צווישן אייגענע מענטשן האָט ער אַליין מודה
געווען, אַז דאָס ווייב צאָלט אים לויט אַ חשבון, מיאוס דערבּיי צו־
בּעוונקען, גערימט זיך, אַז דעם ערשטן, דעם ליטוואַק, האָט זי מיט
די אייגענע הענט אָפּגעהאַקט די לונגען... צו דער דאָזיקער יידענע
איז שמאי ווייך אַמאָל אַריינגעקומען אַ האַלבּ יאָר נאָכן ווייבס טויט,
יום־טובדיק אָנגעטון, מיטן שטעקעלע אין דער האַנט, ווי אין חול-
המועד. ס'איז געווען אינדערפרי, קיין קונים זענען נישט געווען.
שמאי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול פאַרן בופעט, פאַרלייגט אַ פוס
אויף אַ פוס, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָסל אין ווינקל מויל, צוגעמאַכט
דאָס לינקע אויגל, ווי פון אַ גוטן, קלוגן איינפאַל. בלאָזנדיק דורך
דער נאָז בּלויע קייקעלעך רויך — האָט ער זיך אומגעקוקט אין אַלע
זייטן מבֿיניש און אָפּשאַצנדיק, צוגעשאָקלט דעם קאָפּ און פלוצלינג
אַ זאָג געטון האַלבּ אין שפּאַס:

— כ'לעבּן, אַ גאַנץ שיין געוועלבּל... מ'דאַרף זיך צו אייך
שדכנען, ווייסמאַנאָווע...

די יידענע האָט אַ בּרום געטון, זיך הויך צעלאַכט, גראָבּ און
הייזעריק, אַז בּיי דער עקספּעדיענטין אין יענער זייט טיש האָבּן אַ
ציטער געטון בּיידע הענט, ווי פון אַ אומגעריכטן דונער... אַ נידע-
ריקע, אַ דיקע, אַ שוואַרצע, מיט אַ קורצער, בּרייטער פאַררייסענער נאָז
און אַ דריי־שטאָקיקן גוידער — האָט זי אויסגעזען, ווי אַן אַלטער
מאָפּס... אַ בּרוסט האָט זי געהאַט אַ צעוואַקסענע, אַ קורצן בּרייטן
קאַרק, עטוואָס אַן אויסגעבּויגענער פאָרויס, ווי בּיי איבּערגעגעסענע
העלדישע חזירים. וועגן דער דאָזיקער פאַרשוינטע האָט מען דערציילט,
אַז זי פלעגט סמען אירע חתנים, גערעדט, אַז אין די יונגע יאָרן
האָט זי אָנגעזאַמלט איר פאַרמעגן פון שותּפות צו אַ פרייליך הייזל...



איצט איז זי געזעסן אויף איר פּאָטעל, ווי אַלעמאָל — געקייט עפּעס
אויף דער לינקער בּאַק, און געזאָגט שמאין מוסר, מעשה היימישע,
וואָס מעג רעדן, וואָס ס'ליגט אויף דער לונג.

— איר זענט דען אַ ייד, שמאי? — זאָל יאָך נישט אויסדער-
לעבּן ס'יאָר, צי איר האָט אין זיך סאַר אַ גראָשן יהדות... לויפט
אַרום מיט שיקסעס און שדכנט זיך צו אַלטע ווייבּער... אַיאָר וואָלט
אייך כאָטש געשעמט, וואָלט אַיאָר!..

פון גרויס רוגזה האָט זי געשלונגען צו־גרויסע בּיסנס, גע־
קלאַפּט מיט די פינגער אין טיש. שמאי האָט אויף איר אַ קוק גע־
טון פאַרחידושט, קרום זיך צעשמייכלט, מיט אַן אויסגעשפּיצטער
גאָמבּע, ווי בּיי אַ פוקס:

— ע-ע... פאַראַ בּייזע, די ווייסמאַנאָווע... אַן אמתע מרשעת...
שמאי האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער, מניה-וביה דערציילט אַ
געפּעפּערטן וויץ, געפּרוווט רעדן וועגן עפּעס אַ געשעפטל. צו מאָרגנס
איז ער ווידער געקומען, מיטגעבּרענגט מיט זיך עפּעס אַ פאַרנאָגראַ־
פיש זשורנאַלכל, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן בּיי אים, געוויזן אויף
אילוסטראַציעס. די ווייסמאַנאָווע האָט אַ פאַרגאַפּטע געמישט אַ בּלעטל
נאָך אַ בּלעטל, נאָך יעדער איבּערגעלייענטן אַנעקדאָט שמאין אַ צי
געטון בּיים ראַנד פון קאַפּעליוש, ווי איינע זאָגט: שיין לייט בּיסטו!...
סוחרים פון אַקעגנאיבּערדיקע געוועלבּן האָבּן זיך שוין אָנגעהויבּן סודען,
געשטאַנען בּיי די טירן, נייגעריק געקוקט און זיך איבּערגעוווּנקען, —
גערעדט וועגן דעם, אַז די ווייסמאַנאָווע האָט געפּאַקט אַ נייעם קרבּן...
געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט
שמאי צונויפגערופן זיינע אַלע קינדער, דערציילט זיי, אַז ער האָט
חתונה, געבּעטן מ'זאָל היינט אין אָוונט בּלייבּן אינדרויסן שפּעטער
און דערנאָך — שוינען די מומע. דער בּחורל, דער גימנאַזיסט מיט
די בּרייטע הויזן, האָט אויסגעהערט מיט איין אויער, געהאַלטן דאָס
מויל אויסגעשפּיצט צום פייפן, ווי איינער זאָגט: מיינסטאַלבּן... ס'גייט
מיך אָן, ווי דער פאַריעריקער פראָסט... די מיידלעך — דיקע, נידריקע,
מיט עפּעס צו־גרויסע בּייכער — האָבּן זיך שטאַרק גערויטלט, גע-
שטאַנען צוגעקלעבּטע איינע צו דער אַנדערער, און שמאי האָט צו זיי
גערעדט, ווי צו דערוואַקסענע.

— אייביק וועט דאָך עס נישט דויערן... זאָל גאָט העלפֿן, מאַך איך אייך חתונה איינס צוויי... מיטאָג וועט עץ עסן אין אַ רעסטאָראַן...

שמאי האָט געהאַט אַ שווערן טאָג. אין דרוקעריי איז ווידער געווען אַ סך אַרבעט. זאָמבאַק, דער גוי, האָט זיך אָנגעשיכּורט, געלעגן אין אַ ווינקל אַ בלאַסער, אַ פֿאַרענדערטער, געהאַלטן אין איין ברעכן. דערצו איז קאַליע געוואָרן די עלעקטרע. שמאי האָט געקלונגען צו איין עלעקטראָ־טעכניק נאָכן אַנדערן, געזידלט די אַרבעטער, פֿון גרויס כּעס געוויזן די טיר דעם פֿאַרוואַלטער, דעם אַמאָליקן גביר, געטענהט, אַז ער דאַרף דאָ נישט קיין מיוחסים... יחוס איז דאָ גענוג אויפֿן קברות!.. נאָכמיטאָג איז פּלוצלינג צו אים אַריינגעפֿאַלן אין פֿאַבריק די דיקע מויד. נאָך איידער שמאי האָט געעפֿנט דאָס מויל איר עפּעס צו זאָגן, — האָט זי זיך צעקוויטשעט, אַז מ׳האָט דערהערט איבערן גאַנצן הויף.

— חתונה־האָבן גייסטו? — יאַך וועל דיר שוין מאַכן אַ שוואַרצע חתונה! טי סטאַרי כאָלעראָ!...

ס׳איז געווען אַ ביטער עסק און קיין צייט פֿאַרלירן האָט מען אויך נישט געקאָנט. שמאי האָט געפֿינטלט מיט די בייזע אויגעלעך, געוווּנקען, געוויזן מיט די הענט, זי קוים מיט צרות און אינדערגיך אַריינגעפֿירט צו זיך אין אָנגעמושבטן קאַנטאָר און פֿאַרשלאָסן די טיר. אין הויף האָבן זיך אויפֿגעריסן פֿענסטער, פֿון אַלע לופֿטשיקעס האָבן זיך אַרויסגעבויגן צעשויבערטע קעפּ פֿון דינסטמיידן. שמאי האָט אָנגעכאַפּט די מויד ביי דער האַנט, געדרייט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט פּלוצלינג פֿאַרלוירן די ראיה, אַ דערשוויצטער געקריצט מיט די ציין און געשריגן:

— העלענאָ, פּאַמיענטאַי — ס׳וועט דיר נישט אָפּגיין גלאַטיק!... וועסט האָבן צו טון נישט מיט מיר, נאָר מיט דער זשאַנדאַרמעריע!... מיין טויט און דיינער!...

שמאי האָט אַרויסגענומען עטלעכע פֿונק־נייע פּאַפּירענע באַנקנאָטן, איר אַריינגעשטופּט אין דער האַנט, אַ ריס געטון דאָס טרייבל פֿון טעלעפֿאָן צו אַלאַרמירן פּאָליציי. די מויד האָט אינדערגיך אַ כאַפּ געטון דאָס געלד, אַ רויטע און פֿאַרוויינטע זיך אָפּגעטראָגן, גיך שלעפּנדיק אירע גראָבע פֿיס. ביי דער טיר האָט זיך איר זיידענער



מאַנטל פֿאַרטשעפּעט אין אַ טשוואָק און געקריגן אַ גוואַלד־ריס. דער סטרוזש מיטן צעראַטענעם היטל איז איר נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט מיטן בעזים, אויסגעזען זיך צו ישובן צי ס׳איז כּדאַי צו מאַכן אַן אַוואַנטורע מיט דער שיכּורער פּריצה... שמאי האָט אַרויפֿגעשטעלט אַ פֿוס אויף אַ שטול, געהייסן דעם שיק־יונגל פּוצן דעם שטיוול מיט אַ טוך, אַז ס׳זאָל גלאַנצן. בשעת־מעשה האָט ער געקלונגען אין אַפּאַראַט, צום לעצטן מאָל פֿאַר דער חופּה גערעדט מיט זיין כּלה...

— פֿראַניע, זאָלסט אַזוי לעבן מיט מיר צוזאַמען, ווי מ׳איז מיר היינט געקומען רעדן אַ שידוך... מיט אַ בתולה... כּע־כּע־כּע... נדן און אַ צוואַנציק־יעריקע מויד...

דער טאָג איז אַוועק אין איילעניש. אין אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן ביי שמאין אין הויז אָנצוקומען אַן עולם. דרוקערס זענען געקומען אויפֿגעראַמטע, אויסגעפּוצטע, צעשמייכלטע, אין האַרטע צוקליינע קאַפּעליושלעך און אין געמזענע שיך מיט גומעס. אַלע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן געברענט, אויף די פֿענסטער האָבן געהאָנגען ראָזע גאַרדינען. אויבן־אָן איז געזעסן די כּלה אין אַ ווייס זיידן קלייד, פֿול באַזאָנגען מיט צירונג, אין לאַנגע שווערע בריליאַנטענע אויערינג אויף די אויסגעצויגענע לעפּלעך, די ווייניקע האָר — באַשטעקט מיט בלישטשענדיקע קעם און הויך באַלייגט מיט פֿרעמדע לאָקן. פֿון אירע קורצע פֿינגער האָבן געלויכטן שטיינער פֿון פֿאַרשידענע קאָלירן. גוטע ברידער — אייגענע מענטשן און חברים פֿון אַלטע צייטן — האָבן זיי תּיכּף גענומען אָנשיכּורן, געמישט וויין מיט ליקער, געהאַלטן אין איין אָנגיסן איר גרויסן ז׳לבערנעם בעכער... דרוקערס האָבן זיך אין אָנהייב געשעמט, זיך נישט געפֿילט גוט מיט דעם פֿרעמדן עולם. נאָר באַלד איז אַריינגעקומען זיסל מאַרשעליק — אַ ניי־מאָדישער בדחן, אַ נידעריקער, אַ פֿלינקער אין אַן אויסגעריבענעם סמאָקינג און אין לאַק־שיך מיט הויכע אָפּצאַסן. אויפֿן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ קליין זיידן קאַפּעלע, אויף דער גאָמבע — אַ שפּיצל פֿון אַ בערדל. כּלי־זמר האָבן אויפֿגעשפּילט אַ פֿריילעכס. זיסל האָט זיי געגעבן צייכנס מיט אַ שטעקעלע, ווי אַ קאַפּעלמייסטער, גנבהש־ממזריש געבלינצלט מיט זיינע קליינע שוואַקס־שוואַרצע אויגלעך און געזונגען קופּלעטלעך פֿון אָפּערעטעס, אויסגעלאַסענע, מיט אַ רעפֿריין:

דער רבי האָט אַ ווייבל,
שיין, ווי אַ טייבל —
רבי, רבי, נעם געלד אַ סך...
דער רבי האָט דאָס געלד גענומען,
געהייסן דעם ווייבל קומען
טאַקע, טאַקע — טאַקע ביי דער נאַכט... אוי!..

דער בדחן האָט געמאַכט דערביי מיאוסע העוויות מיטן פּנים, געקוועטשט מיט די אויגן, געשאָקלט מיט הענט און פיס אויף אַזאַ גראָבן אופן, אַז דער עולם האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, געהירזשעט מיט טרערן אין די אויגן. אויף איין מאָל זענען אַלע היימיש געוואָרן, אויסגעמישט זיך. פעטע ווייבער האָבן פאַרוואָרפן די פליישיקע העלזער, געפאַלן זיך אין די אָרעמס. משקאות האָבן זיך געגאָסן, פיס האָבן זיך געהויבן, ס'האָבן געפּלאַצט נעטן. דער עולם האָט געזונגען אַ פּאָניש ליד, צוגעקלאַפּט מיט די אָפּצאַסן, ווי אין קאַזאַרמע, זיך אָנגענומען ביי די הענט און אַוועק אין אַ ראָד — אַריינגעצויגן די דרוקערס... די כלה האָט זיך געפאָכעט מיט אַ גרויסן פאַרביקן פעכער, אַ טויט-שיכּורע זיך געוווּרט מ'זאָל זי נישט שלעפּן טאַנצן. — אַמווייניקסטן פון אַלע האָט געטרונקען שמאי. דער פונק־נייער סמאָקינג זיינער איז געווען אויף אים אַביסל צו-שמאָל, די שיך האָבן געבּרענט די פיס און דער שטייפער קאָלנער האָט נישט געלאָזט רירן מיטן קאָפּ, געהאַלטן די גאָמבע. עס איז אים אַ שאָד געווען, הלמאַי מ'פּטרט דערויף אַזויפיל געלד, אַכטונג־געטון אויף די סאַרוועס זיי זאָלן נישט גנבענען, אויפגעשטאַנען יעדעס מאָל, וואָס מ'האָט אָנגעקלונגען ביי דער טיר, אומעטום געווען, נישט אַראָפּגעלאָזט פון קיינעם קיין אויג, נישט צופרידן געווען, וואָס די וואוילע־יונגען, דער כלהס געסט, פילן זיך ביי אים אין הויז צו־היימיש... שפּעטער, ווען דער רב איז געקומען, איז שמאי מיט אים אַוועק אין אַ באַזונדער צימער, שטאַרק זיך געדונגען:

— רבי, מיר זאָלן אַזוי ביידע געהאָלפן ווערן, ווי כ'קען נישט געבן אַזאַ פּרייז... איר וועט מוזן עפּעס אָפּלאָזן...

דער רב — אַ הויכער, אַ דיקער, מיט אַ העפט אין פליישיקן



שטערן - האָט אויסגעטון דעם צילינדער, דאָס אויבער־מלבוש, געבליבן שטיין אין אַ ברייטן זיידענעם כאַלאַט. דער בויך זיינער איז געווען אויסגעשפּיצט, ווי ביי אַ מעוברתדיקער, פון דער שוואַרצער, געדיכטער באָרד איז אַזש געגאַנגען אַ פּאַרע. דער רב האָט געסאָכעט מיט דער סאַמעטענער יאַרמולקע, געפּראַכט פון דיקקייט, באַדעכטיק אַרומגעוויקלט אַ גאַרטל אַרום די לענדן און געווישט דעם שווייס מיט אַ ווייס טיכל. ער האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן קיין איין גראָשן, פאַרשאַרצט די אַרבל איבער די שווערע האָריקע הענט, ווי אַ שוחט, געשלוקעכצט, טעמפּ זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און פּלוצלינג זיך פאַרפרומט: אויסגעריסן אַ האָר פון אַ פּאה, אַריינגעלייגט אין קעשענע, און סתם-אַזוי צו קיינעם נישט אַ זאָג געטון:

— נ־נו, געלויבט דער אויבערשטער... ע'מיר גיין צו דער חופּה!...